בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

## קוּנְטְרֵס

# וָואס אִיז מַיין צִיל

אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס

## דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא
שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.

אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶועט אִיר זֶען וָואס אִיז וִויכְטִיג
אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, מִיט שֵׁיינֶע
חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער
אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

גֶעבּוֹיעְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ
**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ
**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַייגֶעגֶעבְּרֶענְגְט
זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט
**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן
דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.


אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהשי"ת
**דוֹרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב**
**עִיר הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א**
שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ, שְׁנַת תשפ"ג, שִׁיעוּר ד'

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd.**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# אִינְהַאלְט


וָואס מֵיינְט אַ גוּט קִינְד? ........ ג

אַרַיינְלֵייגְן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער ........ ה

פַארְוָואס הָאט מֶען דִיךְ אוּיפְגֶענוּמֶען ........ ו

פַארְוָואס בַּארֶעדְסְטוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?! ........ ז

מַאךְ עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער ........ ט

בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָאן פוּן דִי קִינְדֶער ........ י

מֶען דַארְף נִישְט זָאגְן קַיין חִידוּשִים ........ יא

וֶוען לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְן אַ מוּסָר? ........ יב

פַאלְשֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער ........ יב

וָואס אִיז מַיין צִיל? ........ יד

נִישְט יֶעדֶע זַאךְ מֵיינְט 'חוּצְפָּה' ........ טו

וֶוער זָאגְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ מְחוּצָף?! ........ יז

# וָואס אִיז מַיין צִיל

אִיךְ וִויל גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק פַּאר דִי מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים, מֶען זָאל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְפְרִישְׁן, מֶען זָאל נִישְׁט פַּארְגֶעסְן וָואס אוּנְזֶער צִיל אִיז; מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען פַּארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְּנְט דִי מוֹסְדוֹת אוּן וָואס מִיר וִוילְן אוֹיפְטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. מִיר וֶועלְן רֶעדְן סֵיי פוּן דִי חֵדֶר אוּן סֵיי פוּן דִי שׁוּלֶע.

## וָואס מֵיינְט אַ גוּט קִינְד?

אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן מִיט דִי שׁוּלֶע. בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּלֶע, אַ שׁוּלֶע אִיז אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ, פַּארְ'ן קְרִיג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שׁוּלֶע פַּאר מֵיידְלֶעךְ, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דָא אִיז אַ נֵייעֶ וֶועלְט, עֶס אִיז דָא שׁוּלֶע׳ס פַּאר מֵיידְלֶעךְ, הָאט עֶר גֶעפַּאסְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן אוֹיבּ עֶר זָאל דָאס אוֹיךְ מַאכְן, בִּיז עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען אַז דָא דַארְף מֶען טַאקֶע מַאכְן אַ שׁוּלֶע. עֶר הָאט גֶעזָאגְט

אַז דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר אִיז מְשַׁנֶה פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אַז מֶען מַאכְט שׁוֹין יָא אַ שׁוּלֶע, קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט סְתַּם אַריין זֶעצְן אַ לֶערֶערִין מִיט קִינְדֶער אוּן גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן חוּצְפָּה, דֶערִיבֶּער שְׁטֶעלְט מֶען אוֹיס אַ סֵדֶר פַּאר יֶעדֶע יָארְגַאנְג וָואס מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז דִי 'לִימוּדִים' זֶענֶען נִישְׁט דֶער עִיקָר, אֲפִילוּ אוֹיב אַ קִינְד וֶועט גָארְנִישְׁט מִיט הַאלְטְן וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען; דֶער עִיקָר צִיל פַּארְוָואס מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען אִין שׁוּלֶע אִיז מֶען זָאל אַריין לֵייגְן אִין זֵיי זַאכְן וָואס וֶועלְן בְּלַייבְּן פַּאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֱמוּנָה, מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

מֶען דַארְף גוּט אַריין בֶּעמֶען אִין קָאפּ אוּן גֶעדֶענְקֶען: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶעסְטְן דִי קִינְדֶער לוֹיט וִויפִּיל זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן אוּן הַאלְטְן מִיט וָואס אִיךְ רֶעד'; מֶען קֶען נִישְׁט מֶעסְטְן אַ קִינְד לוֹיט וִויפִּיל זִי הַאלְט מִיט אִין קְלַאס, אַז אִין דֶעם זָאל זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען צִי זִי אִיז אַ גוּט קִינְד אָדֶער נִישְׁט. מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ גוּט קִינְד אוֹיב מֶען הַאלְט מִיט דִי לִימוּדִים, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ שְׁוַואכֶע קִינְד אוֹיב מֶען הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים. אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע

קִינְדֶער גֵייעְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוּיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער.

## אַרַיינְלֵייגְן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער

אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז אִין אוּנְזֶער שוּלֶע זָאל מֶען אַיינְטֵיילְן אַז דִי לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען הַשְׁקָפָה, נָבִיא אוּן פִּרְקֵי אָבוֹת, זָאלְן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען לִמּוּדֵי חוֹל, קְווִיקְבּוּקְס, חֶשְׁבּוֹנוֹת, נֵייעְן אוּן קָאכְן, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - חַס וְשָׁלוֹם! אַוַודַאי טֵיילְט מֶען אַיין דֶעם טָאג מִיט פַארְשִׁידֶענֶע לִימוּדִים אוּן עֶטְלִיכֶע לֶערֶערִינְס, דִי לֶערֶערִין לֶערְנְט דֶעם לִימוּד אוּן דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִין לֶערְנְט אַן אַנְדֶערֶע לִימוּד, אָבֶּער אַלֶע לֶערֶערִינְס דַארְפְן אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה'.

וָואס מֵיינְט אֱמוּנָה? - אֱמוּנָה אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי; עֶס אִיז דָא אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז דָא 'אֱמוּנָה אִין אַ צַדִיק', נָאכְדֶעם אִיז דָא 'אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיינְ'ס'; מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אַלֶע דְרֵיי חֲלָקִים פוּן אֱמוּנָה, אוּן פוּן 'אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיינְ'ס' - דַארְף מֶען גָאר אַסַאךְ רֶעדְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוּיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז זֵיי זֶענֶען חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## פַארְוָואס הָאט מֶען דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען

אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס לֵייגְן זִיךְ אַרָאפּ דֶעם קָאפּ בִּשְׁעַתְ׳ן לֶערְנֶען אוּן זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גָארְנִישְׁט, אָדֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס מֶען קֶען זִיךְ מִיט זֵיי נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְן, אַז ׳הַלְוַאי קוּמְט נִישְׁט דֶער קִינְד הַיינְט אִין חֵדֶר...׳

אוֹיב מֶען טְרַאכְט אַז ׳הַלְוַאי קוּמְט נִישְׁט דֶער קִינְד הַיינְט אִין חֵדֶר׳, וָואלְט אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ גֶעזָאגְט פַארְ׳ן מְלַמֵד: **״הַלְוַאי קוּמְסְטוּ נִישְׁט אִין חֵדֶר!״** - וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען טַאקֶע נָאר פַאר דִי סָארְט קִינְדֶער! דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען וואוֹיל אוּן רוּאִיג, אוּן הֶערְן זִיךְ צוּ בַּיים פָארְלֶערְנֶען, זֵיי דַארְפְן דִיךְ נִישְׁט הָאבְן, זֵיי קֶענֶען אָנְגֵיין אָן דִיךְ, בְּעִיקָר נֶעמְט מֶען אוֹיף דֶעם מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שְׁוֶוער אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי אַן עֵצָה גֶעבְן.

דֶער אִינְגְל וָואס לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, עֶר אִיז אֵייבִּיג צֻייטְלִיךְ, אוּן אִיז מַמָשׁ אַ גָאלְדְן קִינְד - עֶר וָואלְט אָן דִיךְ אוֹיךְ אַלֶעס גֶעטוּן! זַיינֶע מַעֲלוֹת הָאבְן גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִיר, דוּ קֶענְסְט אַהֵיים גֵיין אוּן דֶער קִינְד גֵייט וַוייטֶער קוּמֶען צֻייטְלִיךְ אוּן לֶערְנֶען אַלֵיינְס! דַוְקָא דֶער קִינְד וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים אַן עֵצָה גֶעבְן, עֶר

אִיז אַ 'גָארְנִישְׁט' - מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן, לָאמִיר זֶען וָואס דוּ קֶענְסְט מִיט אִים אוֹיפְטוּן, לָאמִיר זֶען צִי דוּ קֶענְסְט אַרֵיין גֶעבְּן אַ חַיּוּת אִין דֶעם קִינְד!

## פַארְוָואס בַּארֶעדְסְטוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?!

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵד אִין כִּתָּה ט' הָאט מִיר דֶער כִּתָּה ח' מְלַמֵד אָנְהֵייבּ יָאר גֶערוּפְן אִין אַ זַייט אוּן דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי לִיסְטֶע מִיט אַלֶע נֶעמֶען, אוֹיף יֶעדֶער אִינְגְל הָאט עֶר גֶעזָאגְט זַיין מֵיינוּנְג, **"דֶער אִינְגְל אִיז מַמָשׁ דֶער מְצוּיָן פוּן כִּתָּה"**, **"דֶער אִינְגְל אִיז פַיין"**, **"דֶער אִינְגְל אִיז אַ שְׁטִיקְל מֶעבְּל (פוּרְנִיטְשֶׁער)..."** **"דֶעם אִינְגְל זָאלְסְטוּ לָאזְן אִין דִי זַייט, וֶוען עֶר קוּמְט - קוּמְט עֶר, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט נִישְׁט אִיז נָאךְ בֶּעסֶער..."** - בִּשְׁעַת עֶר רֶעדְט צוּ מִיר טְרַאכְט אִיךְ צוּ זִיךְ: 'אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָאר, וֶוען דִי קִינְדֶער וָואלְטְן גֶעוֶוען דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער וָואלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי גֶערֶעדְט צוּ זַיין בֵּייעֶר רֶבִּי? וָואס בַּארֶעדְסְטוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?!' - אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז דַיְיקָא מִיט דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן מַיינֶע תַּלְמִידִים; דִי אַלֶע נֶעמֶען וָואס מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוֹיף זֵיי אַז **"זֵיי זֶענֶען דִי פוּרְנִיטְשֶׁער אוּן בֶּענְקְלֶעךְ פוּן קְלַאס"**, - מִיט זֵיי הָאבּ אִיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה און אִין בֵּית פֵיגָא זָאל זַיין אַזַא זַאךְ; וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִי מְלַמְּדִים פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג רֶעד אִיךְ צוּ אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, פוּן שְׁטֶעטְל, פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן פוּן טְבֶרְיָה. עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן אוֹיף אַ קִינְד: "**לָאז אִים אִין דִי זַייט!**" - אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זָאגְן פַאר'ן נֵייעֶם מְלַמֵד: "**'מַיינֶע' לִימוּדִים הָאט עֶר נִישְׁט מִיט גֶעהַאלְטְן, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אִים, 'דַיינֶע' לִימוּדִים וֶועט עֶר יָא מִיט הַאלְטְן, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ אִים קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן**".

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין שׁוּלֶע, דִי אָפִּיס קֶען נִישְׁט זָאגְן פָּארְאוֹיס פַאר אַ לֶערֶערִין: "**דִי תַּלְמִידָה זָאלְסְטוּ לָאזְן אִין דִי זַייט, עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן**", פַארְוָואס זָאל מֶען דָאס זָאגְן?! אוֹיבּ מֶען ווִיל קֶען מֶען זָאגְן: "**דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דֶעם קִינְד, אֶפְשָׁר בַּיים נֵייעֶן וְכַדוֹמֶה וֶועט זִי זַיין גָאר סְפֶּעצִיעֶל!**"

אוֹיבּ דֶער פִּרְקֵי אָבוֹת שִׁיעוּר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דֶעם קִינְד אוֹיסְצוּהֶערְן, מֵיינְט בָּאכְנִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם קִינְד, עֶס קֶען זַיין בַּיים נֵייעֶן וֶועט זִי זַיין גָאר סְפֶּעצִיעֶל, עֶס קֶען זַיין בַּיים טַאנְצְן וֶועט זִי זַיין גָאר סְפֶּעצִיעֶל.

וָואס מֵיינְט דֶער אוֹיסְדְרוּק: **"דֶער קִינְד לֵייג אִין די זַייט"?!** - אֶפְשָׁר גֵייסְטוּ אִין דִי זַייט?!

## מַאךְ עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער

אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר פָּארִיגֶע וָואךְ גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו אַז זִי פִּילְט אוֹיף גֶעוִויסֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם לִימוּד וָואס זִי לֶערְנְט אוֹיס, זִי פְרֶעגְט מִיר צִי זִי קֶען זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען זָאל קוּמֶען, אוּן וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט קוּמֶען זָאל אַהֵיימְגֵיין!"** הָאבּ אִיךְ אִיר צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן: **"נֵיין! נֵיין!"**

דֶער נוּסָח: **"וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען זָאל קוּמֶען, אוּן וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט קוּמֶען זָאל אַהֵיימְגֵיין!"** - זָאגְט מֶען נִישְׁט פַאר קִינְדֶער, דָאס וָואלְט אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין וָואס גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט דִי שְׁוֶועֶרֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ וָואלְט אִים גֶעזָאגְט: אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט דִי שְׁוֶועֶרֶע קִינְדֶער קֶענְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, אִיךְ בַּאצְווִינְג דִיר נִישְׁט צוּ זַיין מְלַמֵד, אַז דוּ גֵייסְט אַהֵיים וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אוּן קֵיינֶער וֶועט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט בֶּענְקֶען נָאךְ דִיר... אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיט צוּ הַאלְטְן דִי לִימוּדִים, אִיךְ ווִיל זֶען אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זֵיי מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי לִימוּדִים, - אוֹיבּ יָא, אִיז זֵייעֶר גוּט, כָּל הַכָּבוֹד;

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט - אִיז גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אִיךְ קֶען אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶעס בַּאוַוייזְן, אָבֶער דֶער צוּגַאנְג פוּן אָפְּשְׁטֶעמְפְּלֶען אַ קִינְד אַז 'זִי הַאלְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט', וַוייל זִי אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיט צוּ הַאלְטְן דִי לִימוּדִים, דָאס טָאר נִישְׁט זַיין.

## בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן פוּן דִי קִינְדֶער

אַסַאךְ מָאל שְׁפִּירְט אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ לֶערֶערִין ווִי 'דֶער קִינְד דַארְף מִיךְ נִישְׁט, וַוייל עֶר שְׁמֵייכְלְט נִישְׁט צוּ מִיר', זָאלְט אִיר ווִיסְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעעֶפְנְט דֶעם מוֹסָד כְּדֵי דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן (אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט) פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל בַּאטְרַאכְטְן דִי קִינְדֶער: 'וֶועלְכֶע קִינְדֶער הַאלְטְן פוּן מִיר' אוּן 'וֶועלְכֶע קִינְדֶער הַאלְטְן נִישְׁט פוּן מִיר', 'וֶועלְכֶע קִינְדֶער זֶענֶען מַיינֶע חֲסִידִים' אוּן 'וֶועלְכֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע חֲסִידִים', אָךְ אוּן וֵויי אִיז מִיר אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער סִיבָּה פוּן אַ לֶערֶערִין פַארְוָואס זִי קוּמְט אִין שׁוּלֶע, כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען: 'אִיךְ וֵוייס אַז דִי קִינְד הָאט מִיךְ לִיבּ, וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אוּנְטֶער גֶעהֶערְט ווִי זִי זָאגְט אַז אִיךְ בִּין קְיוּט'... אוּן 'דִי קִינְד הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ', וֵויי

און בִּיטֶער אִיז אוֹיבּ אַ לֶערֶערִין דַארְף צוּקוּמֶען צוּ דִי כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער.

## מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן קַיין חִידוּשִׁים

פַּאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זַיין קְלָאר וָואס אִיז מַיין צִיל מִיטְ'ן אַרַיין גֵיין צוּ דִי קִינְדֶער; אִיךְ קוּם אִין כִּתָּה אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען מִיט זֵיי הֲלָכוֹת, אֱמוּנָה און כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אִיךְ פַּארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס, מֶען זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן אַבִּיסְל פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם'.

וויפִּיל מֶען רֶעדְט פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם' אִיז נִישְׁט גֶענוּג.

אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער מֵיינְט מֶען אַז מֶען דַארְף זָאגְן חִידוּשִׁים, און אַזוֹי וִוי מֶען הָאט דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג קַיין חִידוּשִׁים - רֶעדְט מֶען נִישְׁט... - מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חִידוּשִׁים, נָאר מֶען זָאגְט אִיבֶּער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: **"מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ מַאמֶע"**. יֶעדֶער מְלַמֵּד דַארְף רֶעדְן לוֹיט דִי שְׁפְּרַאךְ און פַארְשְׁטַאנְד פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, לוֹיט זֵייעֶר יָארְגַאנְג, צוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאגְט מֶען: **"מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן 'נֵיין' פַּאר אַ מַאמֶע"**, **"אַ מַאמֶע טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ בֵּייגְן"**, און צוּ עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער קֶען מֶען שׁוֹין רֶעדְן מֶער הֲלָכוֹת.

## וֶוען לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד?

אוֹיבּ מֶען רֶעדְט פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם', לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד!

אוֹיבּ מֶען רֶעדְט פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטֶע קִינְד, לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד!

אוֹיבּ מֶען גֶעדֶענְקְט צוּ גֶעבְּן פַּאר יֶעדְן קִינְד אַ גוּט וָוארְט לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד! - אָבֶּער מֵיינְטְס נִישְׁט אַז אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אֵיין גוּט וָוארְט פַּאר אַ קִינְד אִיז עֶס שׁוֹין גֶענוּג, דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט... מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבּוֹיט פוּן אֵיין גוּט וָוארְט; אִיךְ זִיץ מִיט בָּחוּרִים לַאנְגֶע יָארְן, אִיךְ גֶעבּ זֵיי אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבּוֹיט אַזוֹי שְׁנֶעל, וַוייל אַרַיין גֶעבְּן אַ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט אִין אַ מֶענְטְשׁ גֶעדוֹיעֶרְט אַסַאךְ יָארְן; מֶען דַארְף אָבֶּער טוּן צוּבִּיסְלֶעךְ, יֶעדֶעס יָאר וֶוערְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְגֶעבּוֹיט מֶער אוּן מֶער.

## פַאלְשֶׁע גוּטֶע וֶוערְטֶער

ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער? - גוּטֶע וֶוערְטֶער מֵיינְט אַז מֶען הָאט לִיבּ דָאס קִינְד, מֶען טְרַאכְט גוּטְס אוֹיף דֶעם קִינְד, מֶען הֵייבְּט אָן הַאלְטְן פוּן דֶעם קִינְד אוּן מֶען זָאגְט פַאר'ן קִינְד: **"אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּער גֶענוּמֶען פוּן דִי זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט!"**

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאלְשֶׁע גֶעמַאכְטֶע גוּטֶע ווערְטֶער; עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס גֶעבְן גוּטֶע ווערְטֶער אָבֶּער נִישְׁט קַיין אֱמֶתְ׳עֶ, - דָאס מַאכְט פַארְאִיבְּלְט, עֶס מַאכְט בְּרֶעכְן; אִיךְ מוּז דָאס זָאגְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט דֶערְפוּן.

אִיךְ הֶער אַלֶעס צוּרִיק פוּן דִי קִינְדֶער דוּרְךְ בְּרִיוְון וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן מִיר. בַּאקוּם אִיךְ בְּרִיוְון פוּן קִינְדֶער וואוּ זֵיי שְׁרַייבְּן מִיר דִי קָאמְפְּלִימֶענְטְס וָואס מֶען זָאגְט זֵיי, אוּן זֵיי לֵייגְן צוּ ווִי פַארְשֶׁעמְט זֵיי וֶוערְן פוּן דִי פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס.

פַאלְשֶׁע גוּטֶע וֶוערְטֶער טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ דֶעם קִינְד אוּן דוּ שְׁטוּפְּסְט סְתָּם אַרוֹיס אַ גוּט וָוארְט אוֹיף אַ קִינְד, אִיז דָאס גָארְנִישְׁט וֶוערְד. נָאר אוֹיבּ מֶען הַאלְט בֶּאֱמֶת פוּן דֶעם קִינְד מִיט דֶעם זַאךְ אִין וָואס עֶר אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, אוּן מֶען זָאגְט אִים: **״אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּער גֶענוּמֶען פוּן דִי זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט!״** אוּן אִיךְ בִּין טַאקֶע אִיבֶּער גֶענוּמֶען דֶערְפוּן! - קֶען עֶס אוֹיפְטוּן.

מֶען קֶען נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַ קִינְד וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ קְלֵייד וָואס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן בַּיי דִי הַאלְז, אָדֶער גֵייט מִיט הָאר בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, אוּן זָאגְן: **״דוּ בִּיסְט זֵייעֶר שֵׁיין צְנִיעוּת׳דִיג!״ ״דַיין הָאר אִיז אַזוֹי צְנִיעוּת׳דִיג!״** דָאס קִינְד אַלֵיינְס ווייסְט

דָאךְ אַז זִי דַארְף זִיךְ פַארְרֶעכְטְן, נָאר עֶס אִיז אִיר יֶעצְט שְׁוֶוער. עֶנְדֶערְשׁ זוּכְט אוֹיף אַ אֱמֶת'ֶע שֵׁיינֶע זַאךְ אוֹיפְ'ן קִינְד, עֶס אִיז זִיכֶער דָא אוֹיף יֶעדְן קִינְד זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, אֵיינֶער אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, אֵיינֶער אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אַז עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן אֵיינֶער אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין צְנִיעוּת.

## וָואס אִיז מַיין צִיל?

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר צִיל: פַארְוָואס קוּם אִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער? - אִיךְ קוּם אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי זוּכְן אִין יֶעדְן קִינְד עֶפֶּעס גוּטְס, אִיךְ גֵיי גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד אֱמֶת'דִיגֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיינְס אַז מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט קִינְדֶער אוּן זָאגְן נָאכְאַמָאל: **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן וֶוערְן חוּצְפָּה'דִיג, טֵיילְט מֶען אַיין דֶעם טָאג, מֶען דַאוֶוענְט אַבִּיסְל אוּן מֶען זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִים, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל פִּרְקֵי אָבוֹת, אַבִּיסְל נָבִיא, מֶען לֶערְנְט אִידִישׁ אוּן עֶנְגְלִישׁ, שְׁרַייבְּן אוּן רֶעכֶענֶען.

אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶער עִיקָר צִיל פוּן דִי שׁוּלֶע, פַארְוָואס דַארְף מֶען בִּכְלַל דִי גַאנְצֶע

שׁוּלֶע? דָאס אִיז נִישְׁט קַיין 'פָּאבְּלִיק סְקוּל' חַס וְשָׁלוֹם; דִי שׁוּלֶע אִיז גֶעמַאכְט אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ קוּמֶען בִּיז זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן אוּן חַתוּנָה הָאבְּן; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען מַאכְט חַתוּנָה דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גוּט, יוּנְג אוּן רֵיין, דָאס בֶּעסְטֶע וָואס עֶס קֶען זַיין, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען לֶערְנְט, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפּ שְׁרַייבְּן פּוּנְקְטְלִיךְ אַלֶע לִימוּדִים, אֲפִילוּ דִי פַּרְשָׁה; דֶער עִיקָר אִיז אַז עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין זֵיי אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט.

## נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ מֵיינְט 'חוּצְפָּה'

אוֹיף אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן, עֶס זָאל זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה.

מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג; אוֹיבּ דֶער מְלַמֵד רֶעדְט דֶערְפוּן דֶעמָאלְט אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן אַז נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ מֵיינְט 'חוּצְפָּה', אוֹיבּ אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער וֶוען דֶער מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין רֶעדְט, מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַז דָאס קִינְד זוּכְט מִיךְ אָפְּצוּטוּן. אוֹיבּ אַ מְלַמֵד זֶעט אַז עֶר וֶוערְט בֶּערְוֶועזְט אוּן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער, דַארְף עֶר בָּאכְאַמָאל אִיבֶּער חַזֶר'ן דִי יְסוֹדוֹת פוּן חִינוּךְ; אֵיינֶע פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן חִינוּךְ

אִיז מֶען זָאל וויסְן אַז "**קַיין אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט מִיךְ אָפְּצוּטוּן**", עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ קִינְד, אַ בָּחוּר, זָאל קוּמֶען אִין חֵדֶר, אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין שׁוּלֶע כְּדֵי אֵיינֶעם אָפְּצוּטוּן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ!

אוֹיב אַ קִינְד פָּאלְגְט מִיךְ נִישְׁט, אוֹיב אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער, ווייל עֶר מִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן, עֶר אִיז נָאר אַ קִינְד! אֵיי פַארְוָואס לַאכְט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער? דָאס קֶען זַיין צוּלִיבּ עֶטְלִיכֶע סִיבּוֹת, עֶס קֶען זַיין אַז עֶר דַארְף אַטֶענְשָׁאן אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, עֶס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּט, אָדֶער בַּאדֶערְט אִים עֶפֶּעס, אָדֶער קֶען זַיין אַז עֶר אִיז פָּשׁוּט נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט מֶען זָאל אִים זָאגְן וָואס צוּ טוּן, קֵיינֶער הָאט אִים נָאכְנִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶועןְ, אוּן דָא אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע פְּלַאץ וָואס מֶען זָאגְט אִים וָואס צוּ טוּן, וֶועל אִיךְ אִים נָאכְאַמָאל זָאגְן אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן, בִּיז עֶס וֶועט אַרַיין גֵיין אִין אִים, אוּן אִיךְ וֶועל זוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס אִים אוֹיסְצוּרִימֶען.

ווילַאנְג אַ מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין טְרַאכְט אַז 'דִי צְוֵויי קִינְדֶער לַאכְן זִיךְ אַלְץ אוּנְטֶער פוּן מִיר', אִיז דָאס זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי רֶעדְן זִיךְ דָאס אַיין, ווייל עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ. דָאס אִיז קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ! אוּן אִין דֶעם אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ, גְרוֹיס אוּן קְלֵיין, קַיין אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט אִין חֵדֶר אֵיינֶעם אָפְּצוּטוּן.

מֶען מוּז זֶען עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶער מֶען טָאר גָארְנִישְׁט אָנְנֶעמֶען אַלְס אַ פְּרִיוַואטֶע קְרִיג, כְּאִילוּ דִי קִינְדֶער ווִילְן מִיךְ טְשֶׁעפֶּען.

## וֶוער זָאגְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ מְחוּצָף?!

נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ מֶען זָאגְט: **"יֶעדֶער נֶעמְט אַרוֹיס דִי בִּיכֶער"**, אוּן אֵיינֶער בְּלַייבְּט קְלָאצְן, עֶר נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיס זַיין בּוּךְ, וֶוער זָאגְט אַז מֶען דַארְף דָאס גְלַייךְ בַּאמֶערְקְן? אָדֶער אַז אַ קִינְד צוּלַאכְט זִיךְ - דַארְף מֶען דָאס אוֹיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג בַּאמֶערְקְן. אוֹיסֶער אוֹיבּ מֶען בַּאמֶערְקְט אוֹיף אַ זַאךְ אַז דָאס אִיז זִיכֶער חוּצְפָּה, דַארְף מֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן, ווַייל דֶרֶךְ אֶרֶץ מוּז זַיין.

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' דֶערְצֵיילְט מִיר, מֶען הָאט אַמָאל אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה ווַייל עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ בִּילְד פוּן זַיין מַגִיד שִׁיעוּר, נִישְׁט מִיט אַ טֶעלֶעפָאן נָאר מִיט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ קֶעמֶערֶע; דֶער מַגִיד שִׁיעוּר אִיז גֶעוָוארְן ווִילְד, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיפְ'ן בָּחוּר: **"מְחוּצָף"**, עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן פֶּעטְשׁ אוּן אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה, פְרֶעגְט מִיר מַיין מַאמֶע: **"וָואס זָאגְסְטוּ צוּ דֶעם? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן אִין אַזַא פַאל?"** הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: אִיךְ וָואלְט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בָּחוּר: **"מֶעק אוֹיס דֶעם בִּילְד, אוּן טוּ עֶס נִישְׁט נָאכְאַמָאל"**; וֶוער זָאגְט אַז מֶען

דַארְף עֶס מַאכְן פַּאר חוּצְפָּה?! - פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִין דֶעם פַּאל אַז דֶער מַגִיד שִׁיעוּר הָאט עֶס שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן "חוּצְפָּה", דַארְף מֶען זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ אוּן הֵייסְן דֶעם בָּחוּר אִיבֶּער בֶּעטְן זַיין מַגִיד שִׁיעוּר, אַז דֶער בָּחוּר זָאל ווִיסְן אַז עֶר דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַּאר אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער; אִיךְ בַּאקוּם אַלְץ גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף עֶנְק; אוּן אוֹיב אִיךְ רֶעד אַבִּיסְל שַׁארְף אוּן שְׁטְרֶענְג אִיז עֶס נָאר צוּ מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

# הספר הקדוש
# הזה נדפס

לזכות

## שמואל דוד ברוין

וזוגתו

## פראדל

וילדיהם

**נחמן נתן זאב, לאה, מלכה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# הספר הקדוש
# הזה

נדפס לטובת נשמת מאור עינינו, חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד קדושת

מרן הגה"ק רבי

# אליעזר שלמה

בן רבי

# מנחם זאב

זצוקללה"ה

נלב"ע י"ז שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# הספר הקדוש הזה

## נדפס לזכות
## מורינו ראש ישיבה שליט"א
וזוגתו
## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם
## שלמה ומשפ',
## אלחנן חיים ומשפ',
## מרים העניא זיסל ומשפ',
## שמעון ומשפ',
## נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם
לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי
חלציהם, אמן כן יהי רצון.

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457769664